## הרה"ג ר' חיים אברהם דובער פלאהר שליט"א
### ראש הכולל זכרון מנחם

**שב"ק פרשת חקת תשפ"ד**

---

בס"ד

# אודות הפייער דיפארטמענט מאנסי

אחר שיעור רמב"ן ...

עס איז מיר שווער צו רעדען אבער מ'דארף זאגן,

עס טוהט זיך דא און שטאט וועגן די **פייער דיפארטמענט**, זיי שרייבן צעטליך, מ'דארף וויסן די פייער קאמפעני פון ברוייער, אז שוין יארן גייט פאר דארט חילול שבת, שוין איבער 20 יאר וואס עס טויג נישט, די שכנים רעדען זיך שוין יארן אפ וואס טוהט זיך דארט, חילולי שבת, עס איז א מקום טומאה, חילול שבת, מקום זוהמא

מ'זאגט מ'שרייבט צעטליך מ'גייט מתקן זיין, אדרבה זייער גוט, אבער מ'דארף וויסן ווי לאנג עס איז נישט אונטער א חשובע רב א מורה הוראה און שטאט וואס זאגט אז די זאך איז כשר איז דאס נישט כשר, עס זאל זיין דריי פון די חשובע מורה הוראה פון די גרויסע מורה הוראות און שטאט, וואס נעמען אויף זייער אחריות און זאגן אז דאס איז אויסגעהאלטן אינגאנצן,

דאס וואס א בעל הבית שרייבט אזוי און אזוי איז גאר נישט ווערט, און דערווייל זאל מען נישט נוצען די קאמפעני ווען עס איז שייך

די אויבערשטער זאל העלפען עס זאל נישט זיין קיין פייער ביי קיין שום איד און מ'זאל נישט דארפן צוקומען נישט צו די און נישט צו די

אויך מען האט מורא צו רעדען וועגען די זאך, מ'לייגט פרעשער מען זאגט אז מען טערעזירט, מען טאר נישט מורא האבען מען **דארף** צו זאגען, אזוי ווי עס איז דא ביי א נביא א איסור פון זיין א כובש נביאתו, א נביא מוז זאגען אפי' עס איז שווער, מ'דארף זאגן וואס מ'האלט און נישט מורא האבען...